גוט שבת אלע אידן. ר' יעקב וואסערשטיין ע"ה (נישט זיין עכטע נאמען) איז געווען א איד וואס די רוסען ימ"ש האבן געכאפט אין די מלחמה טעג און אוועקגעשיקט קיין סיביר. כאטש אז ער האט געדארפט ארבעטן ביטער שווער אין דעם פארשאלטענע ארבעטסלאגער, האט ער מזל געהאט אז "נאר" די רוסען האבן אים געכאפט און נישט די דייטשע ימ"ש. אפילו אזוי, זענען אסאך אידן נעבאך אומגעקומען אין סיביר.

בקיצור, יעקב איז געווען גאר אן ערליכער איד וואס איז געווען מדקדק בקלה כבחמורה. פארשטייט זיך אז היטן מצוות אין לאגער איז נישט געווען קיין גרינגע זאך. איינער וואס האט נישט געגעסן די טריפה'נע פלייש האט פשוט געהונגערט.

ווען עס האט דערנענטערט די יום טוב פון פסח, האט יעקב פארזאמעלט ווי מער גרינצייג וואס ער האט געקענט, כדי צו האבן עפעס צו עסן דורך דעם יום טוב, ווייל ער וועט נישט קענען עסן דעם קליינעם שיעור פון הארטע ברויט וואס זיי האבן אים געגעבן אין ארבעטסלאגער. מצות וועט ער נאר האבן אין זיין חלומות! וואו וועט ער טרעפן מצות אין אזא פלאץ?!?

סוף כל סוף איז אנגעקומען די הייליגע נאכט פון בדיקת חמץ. יעקב האט געפלאנט בודק צו זיין די חמץ און נאכדעם האט ער געוואלט זיך אראפזעצן עסן זיין לעצטע שטיקל ברויט. אין יענע לאגער לכאורה האט מען געטיילט די ברויט שפעטער אינדערפרי ווען עס וועט שוין זיין נאך "סוף זמן אכילת חמץ." וועגן דעם, האט ער געגעסן זיין לעצטע חמצ'דיגע סעודה ביי נאכט.

באמת איז עס נישט שייך געווען צו מאכן קיין בדיקת חמץ ווייל ער האט נישט געהאט קיין חמץ, חוץ זיין לעצטע שטיקל ברויט. ער האט נישט אפילו געוואלט אראפנעמען צען שטיקלעך פון זיין איינציגע פיצי שטיקל ברויט וואס ער האט געהאט, ווייל ער האט געדארפט דעם ביסל כח וואס יענע לעצטע ברויט וועט אים געבן! ער האט זיך אן עצה געגעבן און געמאכט די בדיקת חמץ.

ווען ער האט געוואלט עסן דעם ברויט, האט געדארפט גיין א הובטשע מהלך צו האבן וואסער וכו'. ער איז געגאנגען וואשן די הענט און ער איז צוריקגעגאנגען צו זיין קאלטע בוטקע צו עסן זיין "סעודה."

פונקט ווען ער האט געהאלטן ביים מאכן די ברכה אויפן ברויט, איז פלוצלינג אריינגעקומען א סאלדאט. דער סאלדאט האט געהייסן יעקב זאל מיטקומען מיט אים צו דעם קומאנדאנט (דער הויפט אפיצער פונעם לאגער.) וויבאלד אז יעקב האט געהאלטן פאר'ן ברכה, האט ער נישט אויסגערעדט און וועגן דעם האט ער זיך געקווענקלט ד"ה ער איז שטיל געבליבן ווייל ער האט נישט געוואוסט וואס ער זאל טון.

דער סאלדאט האט נישט געווארט א סעקונדע און ער האט געהאקט אויף יעקב'ס ריקן מיט דעם האלצענע שטיקל פון זיין ביקס. יעקב איז אראפגעפאלן אבער ער איז גלייך ארויפגעשטאנען כדי ער זאל נישט כאפן נאך א זעץ פונעם רשע, ימ"ש. יעקב איז געבליבן שטיל דעם גאנצן צייט אויפן וועג צום קומאנדאנט.

ווען ער איז אריין אין דעם אפיס פונעם קומאנדאנט, האט ער געזען ווי דער הויפט אפיצער זיצט ביי זיין טיש, און אויפן טיש איז געווען א פעקל. דער קומאנדאנט האט געזאגט צו יעקב'ן אז עס איז אנגעקומען א פעקל פאר אים פונעם "רויטער קרייץ" (אן ארגאניזאציע וואס בעיקר העלפט גוים אין שווערע צייטן אזוי ווי אין א מלחמה אדער אן ערד-ציטערניש וכו'.) דער קומאנדאנט האט געוואלט וויסן ווי אזוי דער "רויטער קרייץ" האט געוואוסט אז יעקב איז אין יענע לאגער. דער קומאנדאנט האט געקענט גרינגערהייט ווארפן אוועק דעם פעקל אדער עס נעמען פאר זיך. אבער דער קומאנדאנט האט מורא געהאט אז אפשר יעקב האט עמיצען וואס "זארגט זיך" וועגן אים אין דרויסן. וועגן דעם האט דער קומאנדאנט געגעבן דעם פעקל פאר יעקב. פאר ער האט עס אבער איבערגעגעבן האט ער געוואלט פשוט וויסן ווי אזוי דער "רויטער קרייץ" האט געוואוסט אפילו אז יעקב איז אין לאגער.

וויבאלד אז יעקב האט אויך נישט געוואוסט ווי אזוי איז אנגעקומען דאס פעקל צו אים, האט ער נישט געקענט געבען קיין ענטפער. ער האט אויפגעהויבן די הענט צו ווייזן אז ער ווייסט טאקע אויך נישט. דער קומאנדאנט האט געהייסן עפענען דעם פעקל אין פראנט פון אים צו מאכן זיכער אז עס איז נישט געווען דארט קיין קאנטראבאנדע (זאכן וואס מען טאר נישט האבן אין לאגער.) יעקב האט נישט דערווארט צו זען וואס איז געליגען אין יענע פעקל...

פאר מיר גיין זאגן וואס איז געווען אינעם פעקל לאמיר רעדן אפאר ווערטער וועגן ענייני דיומא דער הייליגער יום טוב פסח. פסח איז א צייט ווען אידן פירן זיך מיט געוואלדיגע חומרות. א איד קען אלעס טון אבער נאר דער אייבערשטער טוט אויף. א איד דארף סייעתא דשמיא עס זאל אים געלונגען אלע זיינע הכנות צום פסח, און ער זאל נישט ח"ו נכשל ווערן. דער באשעפער האט ליב א איד וואס איז מוסר נפש פאר א מצוה. וועגן דעם טוט דער אייבערשטער העלפן אידן אין פסח צו זיין אפגעהיטן פון חמץ. איז לאמיר ענדיגען דעם מוראדיגען מעשה וואס ווייזט אויף איין איד'ס מסירות נפש פאר פסח.

יעקב האט געעפענט דעם פעקל און ער האט ארויסגענומען עטליכע זאכן. איינס איז געווען א פעקל מצות! די צווייטע זאך איז געווען א אידישע לוח. יעקב איז שנעל ארויסגעגאנגען פונעם קומאנדאנט'ס אפיס און ער איז צוריקגעגאנגען צו זיין בוטקע, ער האט געדארפט דאך נאך מאכן א "המוציא" אויף זיין לעצטע שטיקל ברויט! אנקומענדיג צו זיין בעט, האט ער פון נייגעריגקייט אויפגעמישט אין דעם לוח צום היינטיגען טאג. פלא פלאים... הפלא ופלא... נורא נוראות...! יענע נאכט איז נישט געווען ליל בדיקת חמץ! ער האט געמאכט א טעות מיט איין טאג מיט זיין רעכענען (ער האט נישט געהאט קיין לוח אין לאגער), יענע נאכט איז געווען די סדר נאכט! ער האט שנעל איבערגעדעקט דעם ברויט מיט א כלי. און דאן האט ער געמאכט די ברכות אויף די מצה, און עס אויפגעגעסן מיט גרויס שמחה! "הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל!" **גוט שבת אלע אידן.**

## מערכת "עונג שבת" מאחלת לכל אנ"ש א הארציגע "גוט יום טוב אלע אידן"

לע"נ זקני ר' חיים בן ר' אשר – אסרו חג תש"ח

נתרם לרפו"ש של הילד צבי אלימלך בן שיינדל, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

**דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)**